נישט קיין מכשול פאַר יידן, נישט פאַר גריכן און
33 נישט פאַר דער קהלה פון ג־ט; אַזוי ווי אויך איך
(באַמי זיך) צו געפעלן אַלעמען אין אַלעם, נישט
זוכנדיק מיין אייגענעם נוצן, נאָר דעם (נוצן) פון אַ
סך (אַנדערע), כדי זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן׃

## קאַפּיטל עלף

1 זייט מיינע נאָכפאָלגער, אַזוי, ווי אויך איך בין
פונם משיח׃
2 איך לויב אייך, ברידער, וואָס איר געדענקט מיך
אין אַלעם, און איר האַלט פעסט די קבלות, ווי
3 איך האָב זיי אייך איבערגעגעבן. איך וויל אייך
אָבער לאָזן וויסן, אַז דער קאָפּ פון יעדן מאַן איז
דער משיח; און דער קאָפּ פון דער פרוי איז דער
4 מאַן; און דער קאָפּ פון דעם משיח איז ג־ט. יעדער
מאַן, ווען ער טוט תפילה אָדער זאָגט נבואות און
5 זיין קאָפּ איז צוגעדעקט, פאַרשעמט זיין קאָפּ. און
יעדע פרוי, ווען זי טוט תפילה אָדער זאָגט נבואות
און איר קאָפּ איז אָפּגעדעקט, פאַרשעמט איר קאָפּ;
וואָרום עס איז איינס און דאָס זעלביקע ווי זי וואָלט
6 זיך אָפּגעגאָלט. וואָרום אויב אַ פרוי פאַרהילט
זיך נישט, זאָל זי זיך אויך אָפּשערן; און אויב עס
איז אַ בזיון פאַר אַ פרוי זיך אָפּצושערן אָדער
7 אָפּצוגאָלן (די האָר), זאָל זי זיך פאַרהילן. וואָרום
דער מאַן טאָקע איז נישט מחויב זיך צו פאַרדעקן
דעם קאָפּ, ווייל ער איז ג־טס בילד און כבוד; די
8 פרוי אָבער איז דער כבוד פון דעם מאַן. וואָרום
נישט דער מאַן איז פון דער פרוי, נאָר די פרוי
9 פון דעם מאַן; אויך איז דער מאַן נישט באַשאַפן
געוואָרן צוליב דער פרוי, נאָר די פרוי צוליב דעם